— „מיר האָבען אמאָל געהאַט צדיקי עולם און וועלט־אַנערקענטע גאונים, וועלכע זיינען געווען אונזערע פאַרשטעהער; האָבען פאַרמאָגט חסידי עליון ואנשי מעשה, וועלכע האָבען זיך פאַר אונז איינגעשטעלט און אויפגעטהון בבחינת „הקב״ה גוזר וצדיק מבטל״; היינט זענען אזעלכע אפשר נישטאָ — אָבער מיר קלאַפּען היינט אין דיינע שערי רחמים, רבונו־של־עולם, מיט מיליאָ־נען צובראָכענע, פאַרוויטאָגטע און פאַרפּייניגטע אידען, די נשחטים ונהרגים על קדושת שמך, די עוללים ויונקים, די זקנים וזקנות, די תינוקות של בית רבן און גדולי עמינו — אָט זיי אַלע, הנתונים בצרה ובשבי׳, וועלכע געפינען זיך אויף אלע וועגען און מדבריות, וואָס ווערען געטרעטען ווי חיות, די בערג פון הרוגים און פארשקלאַפּטע, זיי קומען צו דיר מיט די טרערען פון די אלמנות און די קליינע יתומים און שרייען: אנא ד׳ הושיעה נא! זיי שרייען צו דער פמליא של מעלה, צום „סטייט דעפּארטמענט״ פון רבונו־של־עולם: ראַטעוועט! זיי הויבען אויף זייער געוויין צום רבונא דעלמא: שוין צייט פאַר דער גאולה וישועה! זיי בעטען: שרייב אָן דיין פאָלק ישראל „בני חיי ומזונא״! רייס נישט מעהר אָפּ אונזערע קינדער פון זייערע מוטערס — נישט דאָ און נישט אויף יענער זייט ים! שיינק לעבען צו דיין פאָלק ישראל און באַשיץ זייער פאַרהאַרעוועטע ביסעל מזונות! גיב א „כתיבה וחתימה טובה לעמך ישראל״!

מיר ווייסען אָבער, אז כדי אונזער פארלאַנג זאָל פון הי״ת ערפילט ווערען, מוזען מיר קומען צו איהם, כביכול, נישט מיט לעדיגע הענד. מיר מוזען קומען מיט מעשים טובים און תשובה! דעריבער ווענד איך מיך צו אייך, פיהרער און שומרי אמונה, מיט א רוף: נחפשה דרכינו! לאָמיר אליין דורכקוקען אונזערע מעשים, כדי צו קענען קומען צום אויבערשטען און אויסבעטען ביי איהם א ישועה צום נייעם יאָהר!

„על חומותיך ירושלים הפקדתי שומרים״, מען האָט אונז אָנגעשטעלט צו היטען די חומות הקדושה. „השקו הצאן ולכו רעו״, מיר דאַרפען פאַרזאָרגען אונזערע קינדער, מיר זיינען „רועי צאן״, זייערע פאסטוכער, טאָ לאָמיר זיך באַרעכענען פאַר׳ן יום־הדין: „פּן ימושני אבי״, אפשר וועט אונז טאַקי אונזער פאָטער אין הימעל אויספרעגען וועגען דעם וואָס מיר האָבען געטאָן, כדי צו באַשיצען אונזערע שאָף. אפשר וועט אונז פרעגען: האָט איהר געהיט די גרויסע פעסטונגען פון דת, וועלכע מען האָט מיט שווערע מיה אויפגעבויט? פאַרוואָס האָט איהר דערלאָזט, אַז דער שונא — דער שונא השם, שונא התורה און שונא־ישראל — זאָל זיך אריינרייסען אין דער אידישער מחנה? ווי אזוי איז מעגליך געווען, אז ער זאָל איינברעכען די טויערען פון אידישען פאָלק און צו־נעהמען די אידישע קינדער? פאַרוואָס האָט איהר דערלאָזט, אַז עס זאָלען פאַר־ניכטעט ווערען די שעהנע פּאַלאַצען פון דת, עס זאָלען צוטרעטען ווערען די גערטנער, דער „כרם ישראל״? וואו זענען געווען די שומרים, ווען דאָס איז פאָרגעקומען, וואו זיינען אַנטלאָפען די פאסטוכער?